34pp

1613

יעקב שטיינבערג.

# רוסלאַנד.

אַ פּאָעמע.

מיט אײנלײטונג
פֿון בעל־מחשבות.

YIVO JEWISH SCIENTIFIC INSTITUTE NEW YORK

ווארשא, תרע"ד.
פערלאג „אוניווערסאל", דזיקא 7.



1914

## איינלייטונג.

יעקב שטיינבערג, וואס איז געבארען געווארען אין דרום-רוסלאנד אין יאהר 1887, פערנעהמט צווישען דעם יונגען דור פון די יודישע שרייבער א בעזונדערען ארט. ווי די מייסטען פון די יודישע שרייבער, האט ער זיך ערווארבען א שענעם נאמען סיי אין דער העברעאישער ווי אין דער יודישער ליטעראטור, וועלכע ער האט בערייכערט צוערשט מיט זיינע שירים און ליעדער און שפעטער מיט א רייהע ערצעהלונגען, נאוועלען און אויך מיט די דראמען „א מוטער“ און „דער נסיון“.

פון די מייסטען פון זיינע ערצעהלונגען טראגט זיך די אטמאספערע פון דעם הייסען איינענארטיגען יודישען קאנט אין דרום-רוסלאנד. כאראקטעריסטיש איז אויך דער שטארקער ליידענשאפטליכער טאן פון שטיינבערג'ען, ווען זיין פעדער בעריהרט ערעטישע בילדער. מאנכמאל טרעט ביי איהם די עראטיק שוין ארויס אזוי שטארק, אז אויף דעם אויבערפלעכליכען לעזער ווירקט זי כמעט ציניש.

צוזאמען מיט דער שטארקער עראטיק פון שטיינבערג'ען לעבט אין איהם אן'אונגעוועהנליך שטארק איינזאמקייטס-געפיהל. און אין דער פעראייניגונג פון די ביידע היפול'ריגע נעפיהלען ביי דעמדאזיגען פאעט, קאן מען זאגען, ליעגט בעהאלטען דער גאנצער כשוף פון זיין פאעזיע. שטיינבערג'ס איינזאמקייטס-געפיהל, וואס האט זיך גאר נישט-לאנג נאכאמאל

ВАРШАВА 1914 :: :: :: :: :: ::
ТИП. ЛЕВИНА-ЭПШТЕЙНА ::
ПАВЛИНАЯ 38. :: :: :: :: ::

שטאַרק אויסגעדריקט אין זיינע „לידער פֿון טויט“, האָט איהם גלייכצייטיג נישט אָבגעשיידט פֿון דער ליכטיגער פֿאַרבּיגער לעבּענדיגער וועלט; און זיינע מענשען און זיינע נאַוועלען, בעזונדערס די פֿרויען, קומען אַרויס פֿיל און גאַנץ, איז מיט אַזאַ לעבּעדיגער נאָהענטקייט, אַז מען קאָן זיי כמעט אָנטאַפּען. כמעט אַליץ, וואָס שטיינבּערג האָט געשריבּען, צייכענט זיך אויס מיט אַ גרויסער זעלבּסטשטענדיגקייט, פֿערוואונדערט אָפֿט דורך אַ נעזיסער אָריגינאַליטעט, און דער גרעסטער טייל פֿון זיינע לידער זענען רייך סיי אין דער פֿאָרם סיי אין ריטמוס.

די פּאָעמע „רוסלאַנד“ (מיר האָבּען נאָך דערווייל דעם ערשטען טייל פֿון דער פּאָעמע), מיט וועלכער עס בּעקענט זיך איצט דער לעזער פֿון דער „יודישער אוניווערסאַל-בּיבּ-ליאָטעק“, איז אין געוויסען זין אַ נייעס אין דער יודישער ליטע-ראַטור. אין זאַפֿטיגע לייכטע יאַמבּען, לויט דעם מוסטער פֿון פּאָעט בּייראָנ'ס „טשאַילד-האַראָלד“, אָדער פּושקינ'ס „יעווגעני אָניעגין“, שילדערט אונז דער פּאָעט בּילדער פֿון יודישען רוס-לאַנד, פֿון דער שווייץ און פֿון זיין אייגענעם געמיטס-צושטאַנד. אין דעם לייכטען יאַמבּען-טאַנץ גיעסט ער אויס פֿאַר אונז דעם בּעכער פֿון זיין אָנגעפֿילטען שווערען געמיט. די ליכט-קייט פֿון פֿערז שטעלצט-צוזאַמען מיט דער שווערקייט פֿון פּאָעטס שטימונג, און עס בּעקומט זיך עפּיס אַזוינס, וואָס לעזט זיך אַזוי אָנגענעהם און וואָס לאָזט עפּיס איבּער בּיי אונז אַ שטילע עצבות. אין דער טאַלענטפֿולער פּאָעמע „רוסלאַנד“ שוועבּט אַרויף פֿאַר אונזערע בּליקען אַ יונגער נישט-אויסגעוועבּטער גייסט, וואָס פֿערלאָזט זיין היים, ווייל עס איז פֿאַר איהם נישט קיין פֿאָטערלאַנד, נור אַ שטיפֿלאַנד.

„זאָל דער אין דיר, מיין שטיף-לאַנד, בּלייבּען,
ווער ס'האָט זיין יוגענד דאָ בּעגראָבּען...

. . . . . . . . . . . . .

נאָר איך—כ'בּין יונג, איך קאָן נאָך קלייבּען“,—



און מיט אַ קאַלטען שמייכעל אויף די ליפּען פֿערלאָזט דער פּאָעט זיין היים, מיט דעם פֿעסטען רצון, זיך אויסצוקלייבּען אַ נייעס. אין לייכטע, כמעט שטיפֿערישע גראַמען דערצעהלט אונז דער פּאָעט, וואָס ער האָט זיך אָנגעליטען אין דער אַלטער שטיפֿהיים. ער ווייזט אונז, ווי אויף טריט און שריט האָט מען זיין בּרויזענדיגע יוגענד געבּונדען אין שטריק, און איצט, ווען ער נעהמט זיך צום וואַנדער-שטעקען, קומט איהם אויס פֿון-דאָס-ניי „צו דערוועבּען יענעם טרוים, וואָס רופֿט זיך לעבּען“. דעם פּאָעטס גייסט איז פֿער'סמ'ט פֿון אַ קאָכענדיגער ליעבּע און אַ בּרענענדיגען האַס. סיי די ליעבּע ווי דער האַס האָט קיין סביבה נישט געהאַט פֿאַר זיך, אַז זיי זאָלען קאָנען אַרויס איבּער די גרענעצען פֿון זיין אויפֿגערעגטער האַרץ, און זיין האַרץ איז פֿערניפֿטעט פֿון דעם זיס-בּיטערען געטראַנק. מען פֿיהלט, אַז בּיי דער גאַנצער בּיטערקייט פֿון פּאָעט צו זיין שטיפֿלאַנד האָט ער פֿאָרט צו איהם אַ שטאַרקען צובּונד, און פֿאָהרענדיג אין וועג ציהען זיך נאָך זיינע בּליקען און די מחשבות צו יענע ערטער, „וואו גרין און ליכטיג איז דער מאַי, און דער זומער מאַכט אונז זאַט“. און ווען דער פּאָעט פֿערלאָזט דאָס לאַנד, און זיין פֿער-בּיטערט גייסט וואַנדערט שוין איבּער די שווייצערישע אַלפּען, וואו „ס'דאַכט זיך, נישט די שניי-בּערג בּרענען, נאָר דאָס גרויסע וועלט-האַרץ גליהט“,—בּעקומט ער מיט אַמאָל אַ בּריוועל פֿון זיין געליעבּטער, וואָס רופֿט איהם קאַריק דאָרט אַהין, וואו אַקאַרשט איז אין בּלוט פֿערטרונקען געוואָרען די פֿרייהייטס-בּעוועגונג. ער קעהרט זיך צוריק צו דער אַלטער יודישער היים, וואָס האָט נאָך נישט-לאַנג איבּערגעלעבּט די שווערע אימת-מות'דיגע צייטען פֿון די פּאָגראָם-יאָהרען.

דאָס בּריוועל איז געווען „דער גלאַנציגער שערבּעל“, וואָס האָט דעם פּאָעט אַרויסגעריסען פֿון אַלפּענלאַנדס שניי-איגע אָרעמס, און מיר שיידען זיך מיט איהם אין ערשטען טייל פֿון דער פּאָעמע אין דער רוסישער שטאָדט, וואו עס וואַרפֿט

## פראלאג.

איך נעהם אין האנד דעם וואנדער-שטעקען
און זאג „אדיע!" דיר, ציון-לאנד.
זאל מיך די איינזאמקייט דערשרעקען?
אין גוט דעם וואנדער-מענש א שאנד?
זאל דער אין דיר, מיין שטיף-לאנד, בלייבען,
ווער ס'האט זיין יוגענד דא בעגראבען
און וויל אויף רוה א ווינקעל האבען;
נאר איך—ל'בין יונג, איך קאן נאך קלייבען.
איך שמייכעל שטיל מיין קאלטען שמייכעל
און זאג „אדיע!" דיר, לאנד פון קנעכט:
איך בין דיר אלץ אויף שטענדיג מוחל—
איך בין צו-שוואך, און דו—צו-שלעכט.

צי וועל איך ווידער זעהן דיך קאנען?
איך זוך א נייע היים דערווייל;
איך וועל צום נוטען דיך דערמאהנען
שוין ווייט פון דיר אויף טויזענד מייל.
איך וועל אן דיר, מיין לאנד, גערענקען—
נאך שלעכטע מוטערס קאן מען בענקען.
מיין היים, וואו קארשען-סעדער בליהען,
ועט לאנג צו זיך פון ווייט מיך ציהען;
נאך לאנג וועט בלייבען מיר בעקאנט
דער ליעבליכער אוקראינא-קאנט,
וואו קינדיש הנ'עודיג דער סיים*)
שווימט דורך ביים שטאדט, וואו ס'איז מיין היים.

---

*) א טייך אין אוקראינא.



דער דניעפר זיינע וועלען אין וואו עס הערען נישט אויף די
אבלאחעס אויף יודען און דער פאנ-יאס-שרעק.

מיר האבען איבערגעגעבען אין קורצע ווערטער די הויפט-שטימונג, ווי דעם הויפט-אינהאלט פון „רוסלאנד". דער לעזער אבער, וואס וועט געניסען די פאעמע, וועט נאך בעוואנדערס אבשאצען די צושטרייטע בילדער, פייזאושען און שוערטומיגע אבגעשטאקטע אפאריזמען, מיט וועלכע די פאעמע צייכענט זיך אויס אין איטליכען קאפיטעל. מיט א בעזונדער געפיהל וועט ער אבער לייענען אין IV-טען קאפיטעל די פערזען VII—IX, וואו דער פאעט כאראקטעריזירט זיין העלד ווי זיך אליין.

**בעל-מחשבות.**

ווארשא, יאנואר, 1914.

האַטש ס'האָט דער וועלט-גייסט מיך נעקרוינט—
מיר מילט זיך יונג זיין און פערשייט;
מיך ציהט צו לוסט איצט און צו קראַפט—
וואָס מעהר עס טרוימט דער מענש און שאַפט,
מעהר עלענד איז ער צייט צו צייט;
עס טראַכט אמאָל דער מענש פון גייסט,
אַז ווער ס'איז קלינער—יענער גרייזט,
און איך פערבייט אויף מיין פערשטאַנד
אויף איין און איינציג שטיקעל לאַנד.
פאַר רוה און פרעהליכקייט און פריידען,
גיב איך איצט אַב מיין גייסט דעם מידען,
און מיינע ליעדער אויך. עס לוינט.

דו, לאַנד פון ברייטע, גרינע סטעפען,
איך וואַרף אויף דיר די לעצטע בליקען:
דו האָסט דעם ווינד געלאָזט פערשלעפען
דעם ריח פון פעלד, וואָס קאָן דערקוויקען.
וואו ליידיג דיינע סטעפען זענען,
האָסטו דער זון געלאָזט זיי ברענגען,
וואו ס'גרינט אַ וואַלד אין נאָטעס גנאָד,
איז עס געוועזען פאַר מיר אַ סוד,
אַבי איך זאָל נישט וויסען, וואָס
עס הייסט זיך אויסציהען אין גראָז,
אַבי דערפרישען זאָל מיך ניט
אַ הויפען היי, וואָס נאָכ'ן שניט.

אויב שלעכט איז זיין פערשפאַרט אין תפיסה,—
איז אין די פריהלינגס-טעג די וויסט,
ווען אַלע האָפען, ליעבען, וואַרטען—
נאָך צעהן מאָל ערגער דעם פערשפאַרטען.
און זעהט די פעלדער גרין און צאַרט,
און זעהט די פעלדער גרין און צאַרט,
און הערט, ווי פויגעלעך צוגיטען
אַ סעלאַדי-געזאַנג אַ זיסען;



עס רוישט דער וואַלד, דאָס טייכעל פליסט
און אין געפענגעניש איז וויסט,
ס'איז מאוס און קאַלט אין ווענד פון שטיין
אין אומעט זיצען אַליין אַליין.

אַ, קעניגרייך פון הונדערט שפראַכען!
איך גנעה אין וואַנדער-וועג זיך מאַכען;
דו ביזט אַ תפיסה מיר געוואָרען.
דיין הימעל קוקט אויף מיר מיט צאָרן,
דיין ערד האָט אָבגרונדען אָהן שיעור,
ווען כ'לעג זיך אויסרוהען אויף איהר;
דיין פויגעל זינגט פאַר מיר נישט זיס,
דיין גראָז, וואָס וואַקסט, דיין בלום, וואָס בליהט,
פערדאַרען אונטער מיינע טריט.
און דערנער שטעכען מיר די פיס.
דיין זון, וואָס וואַרימט, ברענט מיך באַלד.
ווי פ'נעה אַרוים אין פעלד, אין וואַלד.

עס טרעפט אַמאָל: מען מיעדט זיך איין,
ס'ווערט מאוס דאָס לויפען און דאָס טהון
מען וויל אין פעלד אַליין דאַן זיין,
אַרומגעהן טרוימען אויף דער זון;
און ווי דאָס פויגעלע, וואָס פליהט,
מיט אַ געלייטערט, גרינג געמיטה,
ביי דער נאַטור געפינען רוה;
עס מאַכט דיין אויג אַליין זיך צו,
און אונטער זינגען, צוויטשען, גרילען,
פערזינקסטו אין אַ שלאָף אַ שטילען,
און האַטש דיין האַרץ איז קראַנק און גרויס-
דו שלאָפסט, ווי אויף אַ מוטער'ס שויס.

אין אַזאַ היימליכקייט באַקאַנט
געוועזען מיר אין דיין בעסטען קאַנט,
וואָס הייסט אוקראַינאַ און איז שען

און האָט אַ הימעל טיעף און ריין,
און איז מיט וועלדער רייך בעצירט!
אַ סטעפּען-וועג צום דניעפּער פיהרט,
און צויבער-שלאַנקע—דאָ און דאָרטען—
בעצירען טאָפּאָלען אַ גאָרטען...
האָב איך פערזוכט אמאָל פאַר-נאַכט
אין דאָרף פערברייננען שעה'ן שטיל'ע,
ווען ס'ווערען פיהרען ווייץ געבראַכט
און ס'רופט דער קירכען-גלאָק צו תפלה!

און איך—האָטש כ'בין מיט טרוימען רייך—
האָב איך געבענקט נאָך פעסטער ערד;
איך האָב געוואָלט—מיט לאַנדס-לייט גלייך—
די סטעפּען שלינגען אויף אַ פערד,
גאַנץ פריה, ווען ס'שמעקען פריש די גראָזען
פון נר'היים ארוים אין פעלד זיך לאָזען,
אַרוים—דער ים פון גרינס אָהן עק,
און איך, וואָס יאָג דאָס פערד אָהן צוועק;
פון אויבען שוועבט דער אָדלער קליין,
ביז פּלוצלונג פאַלט ער ווי אַ שטיין,
און הויבט זיך ווידער אויף און טראָגט
אין מויל די רויב, וואָס ר'האָט דעריאָגט.

איך וואָלט געוואָלט דעם טעם נאָך פיהלען
אָהן שטאָדט-געשריי, אָהן שטאָדט-פערלאַנגען,
זיך זעצען זומער צווישען זאַנגען
און לאָזען איינגרימלען דעס ווילען,
און קוקען, ווי די מילבען בויען,
ווי ס'פליהט די פליעג, ווי ס'זוינגט די ביען,
ווי ס'זינגט אַ ווינטעל אַלץ, וואָס גרין.
וואָס טויג דיר, האַרץ, דער הן פון פרויען,
די פרייד, וואָס שטאַרבט, דאָס גליק, וואָס נאַכט!
די זון פערגעהט אין פורסור. וואַרט—
באַלד קומט די נאַכט און וויקעלט איין



די גענענד אין לבנה-שיין;
נאָר וואָס איז מיר געווען בעשערט
אויף דיין געבענשטער סלאַווען-ערד?
די נויט מיט איהרע שוואַרצע פליגעלן
האָט קליינערהייד געוויעגט מיין וויעגעל,
נאָך יונגעלוויז אויף יעדען שריט
האָט מיך דער אומעט שוין געהיט
און טויט-שרעק פלעגט מיר שטעהן צו-קאָפּענס;
ווער האָט אריינגעגאָסען טראָפּענס
פון סם-המות אין געטראַנק,
וואָס ס'האָבען פרויען מיר דערלאַנגט?
עס האָט דער טויט זיך נאָך פערלאַנגט,
ווי כ'פלעג נור טראַכטען איין געדאַנק.

איך וואַנדער אויס. וואוהין? איך פרעג נישט,
ווער אָהן אַ היים איז—דאַרף קיין וועג נישט.
ווער ס'וואַקסט אָהן מוטער-ליעבע אויס—
דעם זעהט קיין לייד נישט אויס צו-גרויס,
אָהן טרעהרען ליידט און שמייכעלט אָפט
נישט דער, ווער ס'ליעבט און גלויבט און האָפט;
מיט צערטליכקייט געהט שרעק צוזאַמען,
אַ האַרץ צוגעהט אין ליעבע-פלאַמען.
געפינסט אין בוידעם-שמאָק אַמאָל
אַ ווילען הארט און קאַלט, ווי שטאָהל!
עס טרעפט ביים איינזאַמען נישט זעלטען
אַ קראַפט אויף בויען נייע וועלטען.

אָ, רוסלאַנד! זעה: איך לאָז אַ טרעהר,
פיילט וועהרט מיין אויג און נישט פון שרעק,
כ'ווייס נישט נאָך דעם, וואָס כ'וואַרף אַוועק—
מיין האַרץ בעהערשט איצט איין בעגעהר:
איך וויל מיט דיר זיך איצטער שיידען
אָהן שקלאַפען-האַס, אָהן וואַנדער-ליידען.
נאָר איך דיך האַסען, איך דיך שעלטען?

אין שטאָדט, וואו ס'דווישט, אין דאָרף־געצעלטען,
וואו ס'הערשט די מענשענס גוטער גאָט —
ווער איך געהאַסט מיט בייזען שפּאָט.
זאָל איך די פעלקער אַלערליי
אַ טליידער טהון אַ הצם־געשריי?

די גאַנצע וועלט — און איך אַליין.
זאָל איך די וועלט פערשעלטען? ניין;
איך לאַך און זאָג מיר נייע וועגען.
איך הויב די אויגען אויף אָהן טרעהרען
צום הימעל מיט די קלוגע שטערען,
און פרעג, צי וויסען זיי דעם סוד,
פאַרוואָס גאָט שענקט מיר נישט זיין גנאָד?
די שטערען איילען זיך באַהאַלטען,
דער הימעל וויקעלט זיך אין שוואַרצען,
איך וואַרף דער וועלט אַ בליק אַ קאַלטען
און טראָג אַ רעטעניש אין האַרצען: —
די גאַנצע וועלט — און איך אַקעגען.



## ערשטעם קאַפּיטעל.

### I

אין די גוטע יונגע יאָהרען
פלעג איך קורצע ליעדער שרייבען:
כ'האָב געוואָלט אַמאָל פערשפּאָרען
וואָס מעהר לעבענס־זאַפט אין קעפּטען,
ס'זאָל אויף לעבען וואָס מעהר בלייבען;
איצטער קאָן איך גאָרנישט מאַכען
מיט מיין אָפען האַרץ און לאַכען, —
כ'שרייב דערפאַר איצט גאַנצע העפטען.

### II.

אין אַ ענגער שטיינ פון שטיינער
קומט מיר איצטער אויס דערוועקען
יענעם טרוים, וואָס רופט זיך לעבען;
קעלטער, פוילער און געמיינער
קומען אויס אי פרייד, אי טרויער,
אין דער בוידעם־שטוב פון מויער;
אויף דער קאַלעדינער גאַס
פוילט די ליעבע מיט'ן האַס.

### III.

נישט דער גוטער ריח פון גראָזען
האָט אַמאָל אויף מיר געבלאָזען,
און מיין קינדהייט אין פערגאַנגען
נישט אויף פעלדער צווישען זאַנגען,
און אפילו נישט קיין גאָרטען
האָט מיך יונגעלוויין געפרעהט:
אין מיין שטעדטעל דאָ און דאָרטען
זענען דערנער נור פערזייעט.

IV.

ב'בין שוין עלטער, כ'ווייס שוין וואָרנען,
פ'בין מיט מיה און נויט פערנומען,
נאָר אין מיר איז טיעף פערבאָרגען
לוסט צו ליכטיגקייט און בלומען;
צווישען שטעדטישע געזילטער
בין איך מעהר נישט ווי א גאַסט;
ס'לאָזט די שטאָדט מיך שטענדיג ניכטער,
ווייל איהר פראַכט איז מיר פערהאַסט.

V.

נאָר אַמאָל, שוין לאַנג צוריק,
איז איין שטאָדט געווען מיר טייער:
ס'האָט געשמעקט מיר דאָרט מיט גליק
און מיט פרעהליכקייט א נייער;
אויף דער גאַס פון אלעקסאַנדער
איז געווען מיין כלה'ס הויז;
איצט איז קיעוו שוין גאָר אַן אַנדער
שטאָדט פאַר מיר,—מען האַט דאָרט גלויז.

VI.

גרין און ליכטיג איז אין מאַי
און דער זומער מאַכט אונז זאַט,
נאָר דאָס ערשטע גרינע בלאַט
און דער ערשטער פריהלינגס-ווינד
מאַכט זיך פרעהליך ווי א קינד;
ס'האָט אין גאָרטען היינט געטראָפען,
אַז א גלעקעל-בלום איז אָפען
און א פויגעל איז פאַרביי.



VII.

אין די אָװענדען איז קיהל,
ס'האָפט א פרעסטעל אומגעריכט,
נאָר די זון פון פריהלינג שאַפט
און ארום איז אַזוי פיעל
ברייטקייט, פרעהליכקייט און ליכט;
פויגעל צווישען פון בעגינען,
ס'ווערען פריי און זשומען ביענען
און די סאַסנעס טריפען זאַפט.

VIII.

זאָלסט האַרמאָניע נור פערלאַנגען,
ווייל אין אַלץ איז איין געזעץ:
אין דעם יאָהר, ווען מיך געפאַנגען
האָט א מיידעל אין איהר נעץ,—
האָט אין צפון-לאַנד דעם קאַלטען
יעדעס הארץ און הארץ בעזונדער
עפּיס מענשליכעס דערהאַלטען...
ס'איז געשעהן אין לאַנד א וואונדער:

IX.

טראַכטענדיג פערדרילט דער פויער
פריהלינגס-צייט זיין אַקער-אייזען;
זומער-צייט וועט זיך בעווייזען
אין זיין בליק די האַס, די טרויער;
מיט א קללה וועט ער דרעשען
מיט דער אייזען-קייט דעם קאָרן;
ס'וועט דער הערבסט-ווינד נישט פערלעשען
זיין ערוואַכטען אַלטען צאָרן.

X.

קאַרשען רויט און נעל פון חייצען
שפרייט זיך אויס אוקראַינאַ ברייט ;
לאָז דער ליטאַ-מענש זיך רייצען,
איז ער טראַכטען עפּיס גרייט ?
דאָרט, וואו פליים נור חייזען פלענ ער—
האָט דער גרוים-רוס האָס בעוויזען :
זעה, פון זייער שניי-נעלענער
שטעהען-אויף די צפון-ריזען.

XI.

אַנגעלאָדען מיט געטריידע
שטעהט דער וואָגען גרייט צום פאָהרען ;
פוהר און לאַנדס-מאַן—זענען ביידע
וי אין ים פון חייץ פערלאָרען ;
מ'שפּאַנט דאָס פערדיל טריט ביי טריט ;
נידריג שטעהט די זון און גליהט ;
מ'פאַלט אַ קיהלער אָווענד צו—
אויף די פעלדער ליענט שוין רוה.

XII

מ'שפּאַנט דער פויער נאָך זיין פערד
מיט אַ מיעדען טריט אַ שווערען ;
ערגיץ חייט אין גראָז אויף דר'ערד
לאָזען ווילדע געגנ זיך הערען ;
זעהט אַ וואָלקען שטויב פון ווייטען—
מ'נעהט אַ טשערעדע פון שאָף ;
פון דעם וואַלד, וואָס ביי די זייטען,
שרייען קוקו'ס פאַר'ן שלאָף.



XIII

מיעד דאָס פערד, דער פויער—מיעדער,
נאָר בעזאָרגט ווערט פריה'ר דער שוויגער—
מ'ווערט דאָס פערדיל אויסגעשפּאַנט ;
אויף דער פריזבע פאַר דער וואַנד
עסט דער אַרבייטס-מאַן זיין ברויט ;
אַלטוואַרג קלויבט זיך פאַר די הייזער,
יונגע נעהמען זינגען ליעדער ;
מערב-זייט איז העליש-רויט.

XIV.

העליש-רויט איז מערב-זייט,
שאָטענס נעהמען זיך פערשפּרייטען ;
עס דערצעהלט איין גוי דעם צווייטען
צייכענס פון דער נייער צייט :
ווי אַ מוטער חילה געשווינדער,
נאָך אַ אָבשיידען אַ שווערען,
געהן צוריק צו איהרע קינדער,—
וועט די ערד צו אונז געהערען :

XV.

מ'וועט די ערד צו אונז געהערען,
נאָט אַליין בעווייזט זיין צייכען :
ווי עס ווייזט זיך אויס'ן בלייכען
הימעל יעדע נאַכט די שטערען,
נעהמט אַרום איין גרויסער פלאַקער
אַלץ ביי פּריצים אין די גיטער.
וועט זיי העלפען דען די היטער ?
אַלץ איז דעם, וואָס פיהרט דעם אַקער.

## XVI

ז'קען א בילד אי חילד, אי שען,
וי ביי נאכט, בשעת א שטורם
הויבען אן אין קלויסטער-טורם
אהן א האנד, פון זיך אליין,
פלוצלונג קלינגען אלע גלאקען:
ס'הערט זיך אין דאס דארף דערשראקען
און דער גלח שלאפט נישט שפעט,
שעפטשעט שטיל ביים קרייץ געבעט.

## XVII

אלטע לייט, וואס וויסען, זאגען:
ס'וועט אנ'אומגליק זיך פערשלעפען,
איבער רוסלאנד'סברייטע סטעפען
האט א שטורם זיך געטראגען;
אלע הערצער אין דעם לאנד
האט א פרייד-געזאנג דערפילט,
ווי א פידעל, ווען איהר שפּילט
א פערליעבטע קינסטלער-האנד.

## XVIII

און פון אלע הערצער העכער
האט דאס יודיש הארץ געקלונגען;
אה, פון פיין דעם גאנצען בעכער
האט מען טרינקען אונז געצוואונגען
און דערפאר האט אויסגעמאלט
אונזער ליעד מעהר פרייד און מאכט;
ס'מאכט דער ווינד דעם גלאק וואס שווערער
קלינגען שטענדיג הויך און טעהרער.



## XIX

אין דער צייט, ווען אלע פלעגען
דעם קאפריזען פרייהייטס-נאמ
שענקען זייער הארץ'ס פערטעגען,—
פלעג איך מיט א לייכטען שפאט
אין געדויש זיך איינזאם דרעהען;
כ'האב שוין דאן געזאוסט פערהאסען
דעם געפילדער פון די מאסען,—
איך זוך גליק נור דארט, וואו צווייען.

## XX

מיט א קאלטען בליק א קלארען
ווערען איינזאמע געבארען;
מען דערקענט זיי באלד אין ריידען
אהן דער היץ פון פרייד און ליידען;
ווי א קאלטע וואנד פון גלאז
פילט זיי אב פון פריינד דעם בעסטען
ס'פיטערט פיה זיך אויפ'ן גראז,
ערלערס לעבען אין די נעסטען.

## XXI

ס'וועט א דער ויך נישט פערבארגען
וועמענ'ס הארץ ס'איז פריי פון זארגען;
אין די אלטע פרומע צייטען
פלעגען פיעל צוועק אין היילען:
פ'קאן א צוים א מענש פערבייטען
און א שטיין אויך—אין א נויט;
און מען קאן מיט שטערן טיילען
די געדאנקען וועגען טויט.

XXII

װען געגאַנגען איז אַמאָל,
אין די צײַטען פֿון די רוימער,
אונזער קעניגרײַך צו גרונד,
װען די לעצטע שװערע װאונד
האָט דער רוימער אונז געמאָלט
מיט זײַן העלדיש װילדער מאָלט,—
איז געװען נישט קלײַן די צאָהל
פֿון גזירות און פֿון טרוימער.

XXIII.

רוסלאַנד'ס האַרץ האָט אָנגעהויבען
קלויבען האָפֿנונגען און גלויבען;
ס'האָט דאָס לאַנד פֿון עק ביז עק
אויפֿגעציטערט און געװאַרט;
איך בין דאַן נאָך שװײַג אַװעק;
אַלץ אַרום האָט מיך גענאַרט
װי די חתונה-געזאַנגען
דעם, װאָס האַלט די חופּה-שטאַנגען.



## צװײטעס קאַפּיטעל.

I

„קום, מײַן טײַערער, צופֿאָהרען:
בוימער הויבען אָן צו בליהען,
ס'קומען פֿויגעלעך צופֿליהען,
אומעטום איז ליכט און ליעדער;
כ'האָב גענומען בענקען װידער
און צורונען איז מײַן צאָרן".

II.

„כ'פֿיהל זיך פֿרישער, גרינג און נײַ
(כ'קויף זיך טאָג בײַ טאָג איצט בלומען!);
הײַם, עס האָט די שטאָדט בעקומען
יענעם אויסזעהן, װאָס אין מאַי.
קום, איך װעל זיך לאָזען פֿאָהרען
אויף װלאַדימיר-באַרג שפּאַצירען".

III.

„כ'האָב אַ צימער דיר געדונגען
אויף װלאַדימיר-גאַס דער גרויסער;
ס'איז מיט װאַונדערליכט מיר געלונגען:
קאָנסט דאָרט רוהיג שלאָפֿען, אויסער
װען מען װאַרט די נעכט פֿאָראויס—
פּאָליציי צל'ײַן זאָגט אויס".

IV.

„קיעװ איז איצט אין פֿולען גלאַנץ,
דאָך איז סאָרט נישט דאָס, װאָס פֿריהער,
(האָטש מען האָט שוין צוגעקליבען:

ס'איז קיין צייכען נישט געבליבען,
נישט קיין ברעטער אויף א טהיר,
אלע שויבען זענען גאנץ)"

V

„פוי" און פרעהליך איז ארום;
ביחילי שוין זיין מיט דיר אינאיינעם
אין דיין צימעריל דעם קליינעם.
אח, זאלסט וויסען ווי איך ווארט,
ווי מיין הארץ צו דיר איז צארט,
ווי איך וועל דיך קושען—קום!"

VI

ביצין געווען אין אלפען-לאנד,
ווען איך האב דעם בריעף ערהאלטען;
נאכ'ן נאסען מערץ און קאלטען
האט אפריל געשטערט שטודירען;
ביקריך אויף בערג, איך געה שפאצירען,
ביטראכט, צי פאהרען אין מאנטרעע,
צי זיך לאזען זאלבענאנד
געהן צו-פוס ביז גענפער-זעע.

VII

ווער עס האט אמאל פערבראכט
אין די אלפען האטש איין נאכט,
און געהערט דעם זיסען קלאנג
פון די גלעקלעך אויף די קיה,
און געפייפט דאס בערג-געזאנג
פון די שווייצער: „לו-לו-לי",
דער וועט בענקען אלע מאל
אין דעם אומעטיגען טהאל.



VIII.

ס'איז געווען די ליעבע-צייט,
ווען עס לייכט אלץ אין געפעלט,
ווען געזונדטע יונגע-לייט
ווילען איינגעהמען א וועלט;
ווען די דעק, וואס האט פערצוינגען
ווינטער-צייט דעם מענשענ'ס אויגען,
פאלט אראב, און יעדער בליק
זוכט געלעכטער, פרייד און גליק.

IX.

און אפילו היגע ווייבער
האבען אויך געשטיפט, געלאכט.
נאט, זעהט אויס, האט דיך פאר שרייבער
פאר טוריסטען און האטעלען,
שען העלוועציע, געמאכט;
און אומזיסט וועסטו דא וועלען
זעהן מיט חן און לוסט א פרוי—
זי זעהט אויס ווי גראו אהן טרוי.

X.

זאלען קומען מיר אהער
בערג און טהאלען, בלאהע טייכען;
וועמענ'ס הארץ ס'איז קאלט און שווער,
לאזט דא זיין געדאנק דעם קאלטען
צווישען ווילדע פעלזען-שפאלטען;
ווער עס האט א גייסט א רייכען,
קומט דא זעהן, ווי פאר די ריעזען
האט זיין שענקייט גאט בעוויזען.

## XI

ווער ס'איז איינזאם, בענקט און שאפט—
זוכט אין בערג דעם קוואל פון קראפט,
ווער עס ליעבט—ארויב אין טהאל!
ביי דעם שיין פון אלפען גליהען
קומט א שטילער שמערץ צופליהען;
פרעמד און ווייט ווערט מיט אמאל
אליץ, וואס ס'איז געווען אונז טייער,
עלענד, קאלט ווערט אונזער פייער.

## XII

ס'דאכט, אז נישט די שניי-בערג ברענען,
נאר דאס גרויסע וועלט-הארץ גליהט;
ווילסט קיין פרויען-הארץ נישט קענען,
ווען די אייביגקייט דיך ציהט.
ווי דערוועקט דא נישט די לוסט
צו דעם ערשטען סוד דעם זיסען
פון א צארטער פרויען-ברוסט—
ס'ווילט זיך פרייהייט נור געניסען.

## XIII

יענעם מאי האב איך געטרויסט
געהן צו-פוס פון בארג צו בארג;
כ'האב געפיהלט: די וועלט איז קארג
דא אין טהאל און קאלט די זון;
כ'האב גענומען גרייטען, טהון,
אגריידען א חבר געהן,
און אויב ניט—געוואלט אליין,
נאר איך האב איין טאג פערזוימט.



## XIV

כ'האב דעם בריעף פון קיעוו געלייענט
און (איך שעם זיך נישט) געוויינט;
ס'האט א שטראם געפיהלען נייע
אין מיין הארצען זיך דערוועקט;
יענע שענע פלענער אלע
האט א נעבעל גיך פערדעקט;
כ'האב געבענקט צו זעהן מיין כלה,
די געליעבטע און געטרייע.

## XV

מענשענ'ס הארץ, דו ביסט געגליכען
צו א קינד, וואס וויינט אהן שיעור—
גיב איהם היות פון פאפיר
(א סאלדאט נאך אויך, וואס טאנצט),
און דערזעהט—א שערבעל גלאנצט:
עס פערגעסט די הינט, די פערד,
זוכט און וואלגערט זיך אויף דר'ערד—
גאנצ'ן שערבעל וויל ער קריגען.

## XVI

נאר איך וועל שוין נישט דערצעהלען,
ווי איך האב גענומען צעהלען
יעדען טאג (איך האב געווארט
ביז די „הוילשול" ווערט פערשפארט);
כ'האב דערוויילט א סך שפאציערט
און האב צייטענווייז געשפירט,
אז איך בענק פארט נאך מאנטרעי-
שווייץ און אלפען-בערג, אדיע!

## XVII

כ'פאָהר. טיראָל. ווי שען און ווילד
שיט זיך אויס א סאָסנע-וואַלד;
ס'פאַלט א שטראָם און ווערט נישט באַלד;
דאָ האָט נאָך נעטהון א וואָרף
באַרג אויף באַרג און שטיין אויף שטיין,
ביי דער פעלזען-וואַנד אליין
טוליעט אונטען זיך א דאָרף
שטיל און פרום... אַנ'אַנדער בילד:

## XVIII

באַרג פון איין זייט, פון דער צווייטער,
און עס לויפט דער צוג אין מיטען;
ערטער גלאַט און דאָ צווישניטען
הענגען פעלזען פון די זייטען;
ס'איז האַלב פינסטער און עס דאַכט:
ס'האָט די וועלט זיך דאָ פערמאַכט;
פלוצלונג גיט א שיין פון ווייטען,
ס'הויבט דער וועג אָן ווערען ברייטער.

## XIX.

פרייהייט, פרייהייט! ווייט און ברייט
לויפט דאָס פעלד. בעדעקט מיט גראָזען
(ס'האָט דער צוג טיראָל פערלאָזען);
ס'שליסט זיך אָב די ריעזען-קייט
און עס גרינט א טהאָל פון פריעדען;
רוהיג פיטערט זיך דאָס פיה.
אַח, ווי גוט איז דאָ א מיעדען,
גוט צו רוהען פון זיין מיה.



## XX.

זון פון רוהיגקייט מיט פלייס
רוהט אויף אלעס, וואָס מען זעהט?
אויפ'ן הייזעל—ריין און ווייס,—
אויף די פאַסטוכער אין היט,
אויף דעם פיה, וואָס איז צושיט
אויפ'ן גרינעם פעלד דעם פעטען.—
נאָר אַנ'עק: מען פרעגט בילעטען;
ס'זינקט די זון, עס איז שוין שפעט.

## XXI

אָט איז ווין. מיר שטייגען איבער
אין אַנ'אַנדער צוג. פון דאַנען
ניט מיט „מורה" שוין א שמעק;
אין וואַגאָן איז שוין פאַרהאַנען
יודען, יודענעס מיט פעק,
א דערשראָקען, בלאַס געזיכט...
אַח, מיר ווילט זיך מאָלען ליעבע
יענע וועלט פון קראַפט און ליכט

## XXII

כ'קאָן גאַליציען נישט ליידען,
יעדעס פנים איז מיר מיאוס...
זייער שמייכעל איז צו-זיס,
זייער שטאָלצקייט ווילט זיך מיידען,
זייער העפליכקייט איז שווער
און מיט ווערטער שיט דער צאָרן.
כ'האָב דעם טאַקט, מיר דאַכט, פערלאָרען,
כ'שווייג שוין שטיל און רייד נישט מעהר.

XXIII

אויף דער האַר אַליין איז שלעכט—
צעהן מאָל ערגער איז דער קנעכט;
ס'איז, מיין פריינד, נישט קיין געלעכטער
זיין אַ שטיף-קינד ביי אַ שלעכטער.
די פערביסענע מאַדאַם
(כ'מיין גאַליציען ממתּם)
קנייפּט דעם יודען שטילערהייד—
פאַר דער וועלט וואָס ווענינ רייד.

XXIV

ווייטער, ווייטער! ס'איז שוין באַלד
אונזער היים, וואָס וואַרט אויף מיר...
איז שוין באַלד! אַה, ווידער וואַלד,
ווידער פעלדער ווייט און ברייט;
ווי עס שלעפּט זיך איצט די צייט,
ס'לויפט דער צוג ווי אָהן אַ ציעל.
כ'ווייס אַליין נישט וואָס איך פיהל—
האָס, צי ליעבע אָהן אַ שיעור.

XXV

ס'ערגיץ דאָ אַ בילד פון ליים:
ס'קומט אַ יונג צו זיין בעטערטער,
ר'קאָן די קושען, ר'ווייסט—ער מעג,
נאָר ער האָט געהערט אין וועג
שלעכטס פון איהר און שטעהט אָהן ווערטער;
ער איז שטום און זי איז דריים'ט:
„ניט קיין אומגליק, אויב דו ווייסט"...—
פריינד, איך קום אַזוי אַהיים.



XXVI

סוף כל-סוף—שוין דאָ! דער צוג
שטעלט זיך אָב; עס גיט אַ בלאָז
אין געזיכט מיר און אין נאָז
רוסלאַנד'ס לופט... מיר ווערט אין ברוסט
שווער און אייננ, נאָר כ'טראַכט: „דו מוזט
רוהיג זיין, דו ועסט געגוג
ווייטער האָבען וואָס צו זעהן—
ביסט דאָ ווינטער נישט געווען".

XXVII

אַז מען קומט צו-שפּעט צו-פאָהרען
נאָכ'ן פאָטער'ס טויט: עס האָבען
געכטען פרעמדע איהם בעגראָבען—
בענקט מען נאָכדעם אַלע יאָהרען:
ביי זיין בעט, ווען כ'וואָלט געשטאַנען
און זיין לעצטען וואונק פערשטאַנען
און געזעהן זיין לעצטען ציטער
(האָטש ס'וואָלט זיין גוט שווער און ביטער).

XXVIII

מיך האָט איצט אַזוי געקרענקט,
וואָס איך האָב, מיט אַלע גלייך,
נישט פערמעהרט פון בלוט דעם טייך;
כ'האָב ביים גרעניץ איצט געבענקט
נאָכ'ן בילד פון טויט און שרעק.
אַח, פאַרוואָס איז אַלץ אַוועק
אָהן מיין פויסט און אָהן מיין טרעהר,
ס'זאָל מיר צעהן מאָל זיין איצט שווער!

## XXIX.

ס'דאַכט—מיין האַרץ אין ברוסט ווערט קלענער
און דער מוח אין מיין שאַרבען;
ניב מיר, מוזע, נייע טענער,
ניב מיר, פענזעל, פרישע פאַרבען.
ב'דאַרף איצט מאָלען בלוט און טרעהרען
און מען זאָל געוויין נישט הערען;
וואָס איך זאָל נישט איצט בעשרייבען,
וויל איך יונג און שטאַרק פערבלייבען.

## XXX.

ווידער זיי, די אַלטע בילדער,
אָט איז ער, דער דריטער קלאַס
מיט'ן ריח און געפילדער;
גויים-אויגען פול מיט האַס,
יודען-אויגען—אַח, אין זיי
שטעקט אַ ביטערער געשריי,
העלער איז, פון צו-פיעל גרויל,
באַלד דערשטיקט געוועזן אין מויל.

## XXXI.

יעדע גזרה און פערבאָט
אויסגעקריצט האָט שרעק און שפּאָט
אויף דיין שטערן, ברודער מיינער;
פון דיין בליק, ווי ביי ציגיינער,
קוקט דער וואַנדער-גייסט אַרויס;
יעדער קלאַפּ און יעדער שטויס
האָבען דיך אויף אַלע שפּראַכען
אויסגעלערנט קנעכטיש לאַכען.



## XXXII.

אַח, דער שמייכעל פאַר'ן האַר
און דער בעטלער-קוק דערצו!
ב'בין אַ קינד פון קנעכט, דערפאַר
לאָזט מיך קיינמאָל נישט צו-רוה
דאָס געזאַנג פון קנעכט אין שטיינ;
ב'נעה מיט בלוט אויס, האָטש איך שוויינ.
ב'ליעב דאָס פאָלק, וואָס זיצט אין קלייטען,
ב'ליעב די קנעכט און האַס די קייטען.

## XXXIII.

ב'בין אַמאָל, אַלס קינד, געגאַנגען
אין דער וועלט אַריין פאַר זיך:
ס'איז אַרויס דאָס פאָלק פון קירך.
(ס'איז געווען אַ חגא-טאָג);
ס'האָט אַ באַנדע מיך געפאַנגען
יונגע שקצים'לעך, און איינער
האָט מיר אָנגעקלאַפּט די ביינער—
ב'האָב דערפיהלט די גלות-פּלאָג...

## XXXIV.

ס'איז געווען אַ מאַי-פריהמאָרגען,
ס'האָט אין קירך די גלאָק געקלונגען;
ב'האָב מיין ערשטען שמערץ פערבאָרגען,
נאָר מיין יונג האַרץ האָט געוואוסט,
אַז ניטאָ פאַר מיר קיין לוסט;
אַח, דער אומעט אין מיין זינגען
נאָך פון טאָג פון יענעם שטאַמט—
ב'בין פון דעמאָלט ווי פערסמ'ט.

## XXXV.

ל'בין פערזמט און װיל פערזמטן,
שמאכט פון שאנד מיט מיר צוזאמען,
אדער זאל א נס געשעהן:
לאז מען אייך א ניי הארץ מאכען
און דאס בלוט אין אייך פערבייטען,
ר'זאלט װי קנעכט פערגעסען לאכען,
אה, דאס װאלט א בילד געװען
און געלייכט פאר אלע צייטען.

## XXXVI.

נאר אומזיסט דיין טרױם: דו גיב
אין װאגאן א קוק און טראכט:
ס'איז דעם קנעכט די קנעכטשאפט ליעב.
האסט צו-פיעל אין שװייג פערבראכט,
ארים הארץ, עס װעט טיט דיר
גוט נישט זיין דא, ל'זאג דיר פריה'ר.
שיט נישט איס אין טיפט דיין פייער—
זיץ און טראכט פון דיין געטרייער.

## XXXVII.

יעדע פרױ (אויב נור א שענע)
האט איהר ליעבליכקייט און חן,
אבער אונזער פאלק אליין—
ל'שװער ביי אלע ליעדער מיינע!—
נית די שענע טעכטער זיינע
אויגען כשר'ע און ריינע,
װעלכע שיטען—גרױס און שװארץ—
פל'אם און פייער אויף דיין הארץ.



## XXXVIII.

אונזער דור מיט זיינע געצען,
מיט זיין ביטערקייט און גאל,
װייסט געהעריג נישט צו שעצען
דעם פערמאכטען פרױען-קװאל.
איך אליין נור בין געבליבען
(ל'האב אמאל שוין דאס געשריבען)
טריי דער אלטער, פראסטער װעלט—
מיר װאס דיין, אט דאס געפעלט.

## XXXIX.

מיר געפעלט א יודיש הױז,
װאו דער טאטע לייענט „הצפירה"
און געהט שבת נאך אין קלױז;
װיל די קינדער זאלען װיסען
אין צורימענעם תנ"ך,
און זיי לערנען ביבעל-שפראך
מיט א ביסעל מליצה איהרע—
שפארט ער אב דעם לעצטען ביסען.

## XL

װאו די מוטער, גוט און פרום,
האט א ליכטיגעס געזילט,
נעהמט נאך חלה, בענטשט נאך ליכט,
טהוט אליין אלץ אומעטום;
מאכט א פרומע בייזע מינע,
אז דער מאן לאכט-אויס איהר תחינה,
ליעבט און פעסטעט יעדעס קינד,
װאטש ס'איז איינגעריכט אין זינד.

## XLI

און די קינדער? קומט, מיר וועלען
אין מיין כלה'ס הויז פערברייננגען.
געהט אריין אין זאל: עס הענגען
פאטאגראפיעס אויף דער וואנד;
זעהט: אייך ,וועט געווים געפעלען
יענע מיידעל, די פערקלערטע;
זי איז שען און רופט זיך בערטע
(הייסען ביילע אין א שאנד).

## XLII

איהר וועט זאגען: ס'איז איהר שטערן
עטוואס קורץ, די נאז צו-לאנג...
ס'טהוט מיר פשוט איצטער באנג,
וואס איך האב פאר אייך בעוויזען
מיין בעשערטע———
———נאך מיט ליזא'ן
ווערט בעקאנט: ס'איז בערטא'ס שוועסטער
און איהר גוטער פריינד דער בעסטער,
וואס זיי רידען, לאמיר הערען:

## XLIII

„ס'קומט שאליאפין?"—יא, מען זאגט,
„און בילעטען?"—מאנטאג הויבט מען
אן פערקויפען. „געהסט אהין?...
ס'רעדט דער שענער"...—ר'איז צו-דין
און צו-הויך... „נאר היינט נאך קלויבט מען
דעלעגאטען".—כ'ציטער שטארק.
ווייסט—די לעצטע צייט—מען שלאגט...
געלטען אהענד נעבען מארק———



## XLIV

ס'לויפט דער פאטער דורך אויף ניך
און די מיידלעך ווערען שטיל;
אין זיין שמייכעל איצט פאר זיך
קאן מען איבערלייענען פיעל:
פון זיין וואוינרעלט אויף א הנאי
(איהר פערשטעהט מסתם דעם מיין),
פון געשעפט, וואס וויל. נישט געהן,
פון פרנסה-מעקלעריי...

## XLV

נאר מיין מיה איז נישט אומזיסט...
בילדונג איז חי ליגט פאר אויגען.
ר'האט פון זיך די הויט געצויגען
און זיין זוהן איז איצט יוריסט.
כ'קאן איהם פארשטעלען פאר אייך,
אויב איהר ווילט: ער הייסט „מאיס",
האלט מיט אלעמען זיך גלייך
און געפעלט „אי אונז, אי זיי".

## XLVI

רעדט נור רוסיש און איז לינק,
האט א שם פון אנ'ארא{טאר;
ר'איז מיט פרויען בראוו און פלינק,
איז א טילטינער אמאטאר
פון טעאטער, און דורך איהם
ווערען פיעסעס אפט געשמעלט,
ר'האט דערצו א גוטע שטים...
קורץ געגעדט—ער קעהרט א וועלט.

## XLVII

אויף שאליאפינ׳ען בילעטען
מוז איהם זיין; ער מוז אסך
קריטיקירען די קארטען,
זייער טהעטינקייט און שפראך;
זייער מינימום-פראגראם—
איז אהן ריח, אהן א טעם;
איצטער זיין ווי מיליוקאוו—
קאן נור אפשר נאך א רב...

## XLVIII

קינדרוויז האט ער פארט געקאנט
זאגען עברי חאטש מיט מיה,
איצט, אז עמיצער דערמאהנט
וועגען יודישע ענינים,
ווערט ביי איהם א זייער פנים
און ער מורמעלט: "Чортъ возьми" —
נאר ער רעדט שוין, און געווים
פון קאמינסקי׳ס בענעפים.

## XLIX

נאך איין מעלה האט מיין העלד:
מיט חברים איז ער גוט,
איז נישט להוט נאך קיין געלד,
ווייזט ארוים נישט איין מאל מוטה.
נאך געננג: ער וועט שוין זיכער
נישט איין לעווערין געפעלען:
ר׳איז נישט מאוס דערצו... מיר וועלען
זעהן די מאמע זיינע זיכער.



## L

זייטען הייסט זי חיה דבורה,
און איז אלט ביי פופצינ יאהר.
ווילט איהר וויסען, וואס זי איז—
הערט איהר וויבערשען דעוויז:
פריה׳ר דער מאן און נאכדעם גאט;
גליקליך איז דער מאן, וואס האט
אזא ווייב; איך האב נור מורא—
כ׳האב זי אבגעמאלט נישט קלאר.

## LI

אט איז קיעוו, דאס היילינ ארט,
וואו וולאדימיר׳ס ביינער ליעגען;
וואו מען חאפט אונז, ווי די פליעגען,
און מיר האנדלען-וואנדלען פארט.
ס׳פאלט דער אווענד-צו. עס גלאנצען
קירכען-שפיצען; ווי טראסטען
ליעגען נאסען איבער נאסען—
כ׳זעה פאר מיר די שטארט אינגאנצען.

## LII

שען און רייך, מיט גאלד בעגאסען,
קרום אויף בערג און טיעף אין טהאלען
ציהט זיך קיעוו. ווער קאן דיך מאלען,
אלטע-יונגע שטאדט צוזאמען?
אסקאלד׳ס קבר שטעהט אין פלאמען;
כ׳הער, מיר דאכט, געזאנגען שטילע.
נעהמט דאס אלטע פאלק פון „ראסען"
צו דעם דניעפר נעהמען טבילה.

## LIII

דניעפּר, שטאַרקער, שוואַרצער טייך,
אָטעמסט שטיל און ריהרסט זיך קוים,
דאָ און דאָרט נור רעדלעך שוים
שווימען-אויף און פּלאַצען גלייך.
כ'האָב דיך ליעב, דיין שטאָהלען וואַסער,
אויף דיין שרויפען ברעג צו זיצען,
ווען עס ברענען קלויסטער-שפּיצען
און דער הימעל הענגט אַ בלאַסער.

## LIV

הייפיגער טעג און נעכט מיר פּלעגען 1
דאָ פערברייננגען—איך מיט איהר;
הויך דער ברעג און קרום דער וועג—
זי פּלעגט קומען שטענדיג פריה'ר.
אָח, ס'איז יענע צייט אַריבער;
כ'פאָהר אַ קראַנקער צו מיין ליעבער.
אויס מיט גליק און אויס נאַאיוו— WARNING
נאָר אַנ'עק, אָט איז שוין קיעוו.



## דריטעס קאַפּיטעל.

### I

ס'איז געפאַלען ווי אַ רעגען
ווייסע קווייטען אויף די וועגען
פון געדיכטען קייזער-פּאַרק:
ס'האָט געשמעקט אַקאַציע שטאַרק.
ס'ליעגט טעראַסענווייז דער גאָרטען:
דאָ אַ טהאָל מיט בײנק אַרום,
דאָרט אַ באַרג; מען זעהט פון דאָרטען,
ווי דער דניעפּר דרעהט זיך קרום.

### II

„דאָ איז ווייט צו זעהן און גרין"—,
ווייזט מיין מיידעל מיר אַ באַנק;
כ'האָב פערלאָרען דעם געדאַנק
ווער איך בין און וואו איך בין.
אונזער באַנק איז האַרט ביים ראַנד
פון אַ שרויפער פעלזען-וואַנד;
ס'שטיל. עס ציטערט נישט קיין צווייג;
כ'גלעט מיין מיידעל'ס האַנד און שווייג.

### III

„זעהסט דאָרט ווייט אַ שיפעלע פאָהרען
„אויפ'ן דניעפּר—אמת, שען?
„כ'וואָלט געוואָלט, ווי פאַר-א-יאָהרען
„שיפען זיך מיט דיר אַליין;
„נאָר ביסט היינט נאָך מיער דערווייל
„מאָרגען קאָן מען אויך נישט—ווייל
„ס'וועט דער ערשטער מאַי זיין מאָרגען".
— לאָמיר איצט, מיין קינד, נישט זאָרגען.

IV.

„הייסט, די מאַמע וויל מיך נעהמען,
„ליזאַ'ן אויך, און קיעוו פערלאָזען
„אויף אַ טאָג. מען דאַרף זיך שעמען—
„זאָג: אויב אַלע מאָל אַנטלויפען,
„האָט מעהר זין זיך איינמאָל טויפען?
„מעג די מאַמע האָבען צער—
„כ'בלייב מיט דיר דאָ אין געפאַהר"—
—ס'איז די שרעק צו-פיעל צוגלאָזען.

V.

„אַלע לויפען—נישט נור מיר;
„אויב ס'איז מאָרגען יאָ בעשערט—!
„האָב איך עפּיס אויסגעקלערט:
„כ'שטעל מיט דיר זיך ביי דער טהיר,
„רעוואָלווערען אין די הענד—
„לאַכסט? דו האָסט מיך נישט געקענט
„פאַר אַ העלד צוא? נישט לאַך!"
— קום, מיר זיצען שוין אַ סך.

VI.

אין אוקראַינאַ קומט די נאַכט
ווי אַ צאַרטע פרוי אין זייד;
כ'נעה מיט שטילע טריט פערטראַכט,
נישט כ'בין פרעהליך, נישט איך לייד.
ס'איז די פריהלינגס-נאַכט צו-צאַרט
ס'זאָל מיך האָבען אַלץ געאַרט;
כ'בין ווי דער, וואָס וויל נישט זיין
גרייט צו ליידען—טרינקט ער וויין.



VII.

איך און זי, מיר געהען שטיל,
האַנד אין האַנד און אָהן אַ וואָרט;
זי—איהר טיעפען אַנגסט-געפיהל
האָט זי זאָגען מיר פערשפּאָרט:
כ'האָב געפיהלט איהר ביז געמיטה
אין איהר ציטערדיגען טריט;
איך—איך בין געוועזן מעהר דרייסט,
כ'האָב זי מיט אַ בליק געטרייסט.

VIII.

צי דו האָסט מיט פריינד מיט דיינע
אין אַ שטעדטיל אין אוקראַינאַ
ווען געטרוימט די אָווענר-שטונדען,
ווען עס ווערען אָנגעצונדען
גרויסע שטערען, און דער ווינד
בלאָזט און בלאָזט נישט, ווי אַ קינד,
וואָס פערוויגט זיך שטיל אַליין
מיט אַ זינגענדיג געוויין?

IX.

שלאַנק און מלכות'דיג פערטראַכט
שטעהען טאָפּאָלען צושטעלט,
גלייך ווי ס'האָט זיי ווער געבראַכט
פון אַנ'אַנדער ווייטער וועלט;
שאַ! ביים העלכסטען טאָפּאָל-בוים
שטעהט די לבנה רויט ווי בלוט;
זשאַבעס קוואַקען הייטליך-גוט;
זעץ אין זאַמד זיך ביי אַ צוים,

X.

זעץ אין זאמד זיך און דערצעהל
נאַכט-לעגענדען, אָדער הער;
אויב דאָס הארץ דיינס איז דיר שווער —
דאָ פערוויינ עס און פערהייל;
ס'פאַלט א שטערן—זאָג, וואָס טויג
דיין פערדרוס, דיין טרעהר אין אויג?
אַלץ איז שטיל. דיין קאָפּ דעם מיעדען
לעג אין גראָז און שלאָף אין פריעדען.

XI.

יענע נאַכט ווען כ'האָב געפיהרט
צו איהר פאָטער'ס הויז מיין כלה,
האָט זיך מורא'דיגס געשפידט
אויף די שטילע גאַסען אַלע.
טהיר און טויער איז פערשפאַרט,
האָטש די נאַכט איז שמעקענד-צאַרט,
האָטש א וואַרים ווינדטעל גלעט
און אין אָוענד איז נישט שפעט.

XII.

„וואָס איז מיר דעו' אָטעם קאַרג?“
— געהסט, מיין קינד, אַרויף א באַרג.
„געהן אויף דער זייט איז מיר אנגסט“ —
— קום, איך טהו ווי דו פערלאַנגסט.
„הערסט, ווי ס'שמעקט מיט בעז מיט גאַסען,
„ס'איז ביי-טאָג געוועזען א רעגען;
„אַה, ווי סוסט ס'איז אין די גאַסען“. —
— אָט געהט עמיצער אַקעגען.



XIII.

אָט איז שוין דער ווייסער מויער,
וואו מיין כלה וואוינט; אין טויער
שטעהט די דיענסט, און ווי זי זעהט
אונז אריינגעהן, זאָגט זי: „שפעט
איז די „באַרישניא“ געקומען —
אז מען האָט אייך שוין פערנומען
מיינט די מאַמע; געהט שוין גיכער!“ ...
הינטער אונז די דיענסט לאַכט זיכער.

XIV.

ס'איז די דיענסט א גוי'איש מיידעל;
די מאַדאַם (זי איז מיט איהר
איצט בעגאַנגען זיך מעהר איידעל)
הוקר-דורש'ט זי אָהן שיעור:
„אפשר האָסטו וואָס געהערט?“
— ניין, פון ווייטען... „אַח, טאָ זאָג!“
— כ'האָב געקוקט דאָן אויף דער וואָג...
„נאָר דאָס ווייסטו, אז מען קלערט?“...

XV.

— כ'ווייס, מען רעדט... צי דאַרף מען פיש
היינט אין מאַרק צום אָוענד קויפען? —
— — — — — — — —
אָנגעוואָרפען אין א הויפען
ליעגען סעקל'עך אָנגעגרייט;
אַלע זענען אָנגעשרויפט,
ס'שרייט די מוטער, ליזא לויפט,
נאָר דער פאָטער שטילערהייד
זיצט און שרייבט אין בוך ביים טיש.

## XVI.

ס'שלאָגט איהם איבער די געדאנקען
אלע מאָל פון שטוב די מוטער:
„כ'לאָז אלץ איבער אין די שראנקען,
נאָר עס טהוט מיר באנג דיין פוטער;
ס'אַנ'עבירה, אויב מען וועט"...
ס'הויבט דער אלטער אויף די ברעמען,
זאָגט פערטראכט: „וואָס נעהמען, וועמען?"
גאָר די מוטער שטעהט און רעדט:

## XVII.

„האָטש דו טראָגסט איהם אזוי לאנג—
„טהוט מיר פאָרט דיין פוטער באנג;
„און מיין ווינטערדיגע טוך—
„זעה איך נישט, ווי לאנג איך זוך;
„מיר אין הארצען איינגעבאקען
„איז דאָס טעש—איך הייס עס פאקען".
נאָר ער שווייגט; און זיין געזיכט
נימט א שמייכעל אומגעריכט.

## XVIII.

כ'האָב קיין ווערטער נישט פאר דיר,
קאלטער, יודישער געלעכטער,
ווען דער קוילער קלאפט אין טהיר
און אין דרויסען וואַרט דער שעכטער.
שמייכעל, יוד! איך שמייכעל-צו
אויף דיין קאלטען נייטש אין רוה;
שמייכעל, מעקלער! מיינע אויגען
האָט א הייסע טרעהר פערצויגען.



## XIX.

די מאדאם נעהמט ווידער קלייבען,
וואָס מען קאָן פון שטוב פערנעהמען.
„טהו זיך אָן! וואָס זיצסטו, בערטא?
„ליזא, ביסט שוין גרייט? מיר פאָהרען".
וואָס איז בערטא בלאס געוואָרען?
וואָס איז ליזא א פערקלערטע?
פאָהרען וועט זיך בערטא שעמען,
ליזא'ן ווילט זיך אויך דאָ בלייבען.

## XX.

ליזא זאָגט: „דער טאטע פאָהרט נישט,
ס'וועט נאָך מאָרגען גאָרנישט זיין".
בערטא זיצט און רעדט קיין וואָרט נישט.
„נא דיר קינדער—לייטיש, פיין!
(נעהמט די מוטער זיך פערשפרייטען)
זאָל איך לאָזען זיך אליין?"
מיט א ברוגז מלא חן
נעהמט אין וועג זיך ליזא גרייטען.

## XXI.

„בערטא, זיץ נישט! אח, מאָיס"
אין נאָך אלץ נישטא פון גאַס".
— מאמע, כ'פאָהר נייטש!—„ווער ז'מיר, ווער,
איז א צייט איצט פיהרען שפאַס?"
— כ'מיין אנ'אמת. „זאָג איהר, טאטע!"
(ס'האלט דער מעקלער נאָך אין שרייבען):
„אָט א צייט קאטאָוועס טרייבען!
„עס אָב, ליזא!"—כ'בין א זאטע.

## XXII.

ס'ווערט א ווילע שטיל און אלע
זעהען מיעד אוים און פערביטערט,
קיינער וויינט נישט, קיינער ציטערט,
נאר אנ'אומעט, טעמפ און שווער,
איז אריין מיט טויט אהער;
אויף די ברעמען ביי מיין כלה
הענגט ער שווער; ס'האט ער ביי ליזא'ן
אין א טרעהר זיך איצט בעוויזען.

## XXIII.

נאר דער פאטער—אח, איך קאן איהם
מיט זיין שמייכעל אויפ'ן פנים
מאלען ערגער ווי מען דארף;
ר'הויבט זיך אויף און זאגט: „שוין צייט!"
בערטא'ן הייסט ער קורץ און שארף:
„פאהר!" נאר בערטא איז פערשייט:
זי ווייסט איהר געפיהל דעם הייסען
פאלגען, וואס ער ווערט איהר הייסען.

## XXIV.

ס'וויינט די מאמע, ליזא בעט,
און דער טאטע שרייט: „שוין שפעט!"
בערטא זאגט: „איך בלייב מיט איהם"—
שטיל, נאר זילער איז איהר שטים.
שריי ביז מארגען—בערטא האלט
פעסט מיין האנד און ענטפערט קאלט:
— איך האב בלייבען דא א גרונד—
דו מיט ליזא'ן פאהרט געזונד!



## XXV

אז מען ליעבט צום ערשטען מאל,
ווערט דער ווילען הארט ווי שטאהל;
גרינגער זעהט-אוים נויט און ליידען
איידער רוהיג זיך צושיידען;
און מען זוכט דורך פיין דערגרייכען
צו דער ליעבע-קראפט א צייכען.
ביי פערליעבטע יונגע-לייט
האט איהר חן די שווערסטע צייט.

## XXVI

ליעבע ברייננט אמאל א זיעג
דעם, ווער שוואך איז ווי א פליעג;
האסט געזעהן אמאל דעם שמייכעל
ביי א פרוי, וואס ליידט פערליעבט?
ס'הייסט: „געליעבטער, כ'בין דיר מוחל"...
איז נישט ערגער—אלע יאהרען
אליין אי הארץ, אי בלוט פערשפארען,
זיין נישט פרעהליך, נישט בעטריבט!

## XXVII

אפטער לאזט דער מאן זיך פיהרען;
האטש די פרוי איז שטענדיג שוואך,
בלייבט זי פארט ביים ווארט ביי איהרען,
אויב זי רעדט אויף ליעבע-שפראך.—
ס'בלייבט אזוי ווי בערטא וויל,
האטש זי וויינט נישט, בעט נישט פיעל;
ס'שטראפט זי לאנג דער פאטער טריה'ר,
נאכדעם זאגט ער: „פאהרט אהן איהר!"

## XXVIII

ליזא מאַלט אַ בייזע מינע
און זי וואַרפט אַ בליק אויף בערטע'ן,
וואָס זיין טייטש קאָן הייסען: קנאה.
וואָס פערדריסט זי? צי דאָס איז
נור אַ קינדערשער קאַפּריז,
אָדער מיידעלשע פערלאַנגען
האָבען איצט איהר האַרץ געפאַנגען
און זי בענקט נאָך איהר בעשערטען?

## XXIX

ווייטער ווערט געגרייט צום וועל
צלי'ץ מיט שטיל'ע הענד און פייל;
בערטאַ ניט מיך וואָס אַ פרעג,
ב'ענטפער מיט אַ האַלבען מייל.
נאָר די דיענסט לאַכט הויך און פעסט,
אַז זי טראָגט אַרוים די זאַכען;
ווען מען הערט אין הויז איהר לאַכען,
טיינט מען, אַז מען פאָהרט צו געסט.

## XXX

ווען אַ פרישער און געזונדטער
יונגער-מאַן געהט זיך דערשיסען;
ווען אַ שיף אין ים געהט אונטער,
הונדערט מענשען, ווענען מיליאָנען ...



## XXXI

ווען עס ווערט אַ פרוי פערבונדען
מיט אַ מענשען, וואָס זי האַסט,
ווען אַ האַרץ פערנעהט אין וואונדען
און עס בעט דעם טויט צו גאַסט;
ווען ביים טויט-בעט פון איהר ליעבען
שטעהט אַ יונגע פרוי אין טרעהרען;
ווען דיר האָט דיין בייזער שטערען
ווייב און פריינד פון שטוב פערטריעבען;

## XXXII

ווען אַ שענע פרוי, וואָס נאַרט,
קושט און האַלזט דיך זיס און צאַרט;
ווען מען וועקט נאַנץ פריה פון שלאָף
דעם פער'משפט'ן צום טויט:
ווי דער הימעל ווערט נור רויט,
דאַרף מען אויספיהרען זיין שטראָף;
ווען אַ יונגעל—נאָך אַ קינד,
טהוט צום ערשטען מאָל אַ זינד;

## XXXIII

ווען אַ מיידעל ווערט פערפיהרט;
ווען אַ יתום פאַלט אין נאָט;
ווען דו זעהסט: דיין פריינד רעגירט,
און דו קריצסט די ציינער פון האַס;
ווען עס הערט דיך אָהן אַ סבה
מאוס די פריינדשאַפט מיט דער ליעבע;
ווען די אַלטקייט קלאַפּט צו דיר
מיט איהר שטעקען אין דיין טהיר,—

## XXXIV

יעדע לייד און יעדע שרעק
פריה'ר צי שפעטער—נעהט אוועק;
נאָר אין יעדער נויט איז דאָ
איין אונענדליך שווערע שעה,
נישט מיט קלאַנגען, נישט מיט ווערטער
קאָן מען אויסדריקען איהר צער;
מענשן דיין טרעהרען-קוואל פערשפאַר,
שווייגן דיין ליפּ איז א פערוועהרטער.

## XXXV

אזא שטילקייט איז געוואָרען
צווישען אונז אויף איין מאָמענט;
ס'האָט געדאַכט: אין שטומען צאָרן
שווייגען שטיל פון שטוב די ווענד.
פאָטער, מוטער און די טעכטער—
קיינער קוקט נישט אויף דעם צווייטען;
שאַ! די דיענסט (נרייט צום בעגלייטען)
האקט אויך איבער איהר געלעכטער.

## XXXVI

ס'דאַכט: עס שווייגט אין וואַנר די גריל...
ס'וואַרט שוין לאַנג ביים שטוב דער וואָגען,
נאָר מיר זיצען אַלע שטיל.
אויף איהר היים, אויף איהר פערמעגען
וואַרפט מאַדאַם א מוטער-בליק;
ס'דאַכט: זי וויל איצט עפּיס זאָגען—
פון די פענסטער, וואָס אַקעגען,
פלוצלונג ניט א שפּיעל מוזיק.



## XXXVII

ס'נעהט א ווייַלע דורך, א צווייטע;
רייך און מאַי-זיס פליסט דער נגון,
ווי אויף גרינע פעלדער ברייטע,
איבער מאַי-בעפּוצטע וועגען
נעהען יונגע, לעבענס-זאַטע
מענער, פרויען, און מען פרעהט זיך...
מיט א שמייכעל זאָגט דער טאַטע:
„ס'ביים משומד דאָרט, פערשטעהט זיך",

## XXXVIII

„ס'מאַכט ער היינט א באַל א גרויסען...
נו, וואָס שטעהט איהר? ס'וואַרט אין דרויסען
לאַנג די פוהר".—די מוטער רעדט
עפּיס שטיל און קיינער ווייסט נישט,
צי זי שעפּטשעט א געבעט,
צי זי זאָרגט פאַר אונז און הייסט נישט
נעהן אין גאַס? איהר קול דעם שטילען
הערט מען נישט אין זיסען שפּיעלען.

## XXXIX

נאָר די יונגע ליזא האָט,
האַלב ענטציקט און האַלב מיט שפּאָט
(און איהר בליק האָט דאַן געגלאַנצט),
אויסגערופען: הערסט, מען טאַנצט!
און זי האָט א קוק געגעבען
אויף דער שוועסטער; לוסט צום לעבען,
פרויען-קנאה, האַס און פּיין
האָט געטוט אין בליק דאַן זיין.

## XL

— הערסט, איצט נעהט מען דאָרט וואַלסירען!—
נאָר מיר נעהען באַלד אין פיערען
שטיל ארויס (דער פאָטער בלייבט
זיצען ביי זיין בוך און שרייבט).
ליזאַ מיט דער מוטער וועצען
זיך אַריין אין וואַגען. פאָהר,
פוהרמאַן, פאָהר! אַליץ טהוט זיך קלאָר,
אַליץ לויט אייבינע געזעצען...

## XLI

איך מיט בערטאַ'ן שטעהען לאַנג
גאָך אין טויער; און מיר הערען
שפיעלען, טאַנצען און געזאַנג:
ס'קאָן דעם אויער נישט פערוועהרען,
ס'איז דעם שכנ'ס פענסטער אָפען.
ס'שטיל און נוט אַרום; עס שמעקט;
ס'איז דער הימעל חיים פערפלעקט;
ס'תילט זיך ליעב האָבען און האָפען.

## XLII

לאַנג פערברייננען מיר אין צווייען.
ס'ווערט שוין שפעט; אָהן חשק נעהען
מיר אין שטוב; מיר טרעפען איצט
נור דעם טאַטען דאָרט; ער זיצט
אויף רעמועלבען אָרט; עס דאַכט:
ר'האָט די צייט אין טהון פערבראַכט,
די חשבונות זויסגעגלייכט
און האָט אָבגעטעמט לייכט.



## XLIII

רוהיג נעהט ער איצט אַרום.
איז זיין רוהיגקייט פון די,
וועו מען ברייננט נישט אויס קיין מ"ה
אויף זיך שרעקען, אויף זיך היצען,
ווייל מען קאָן שוין נאָרנישט שיצען,
ווייל דער טויט איז אומעטום?
אָדער טראַכט ער זיך: אַ שפיי
אויף דער וועלט פון מעקלעריי?

## XLIV

צי אַנ'אַלטען יידענ'ס טוטה,
וועל'כער האָט זיין אייגען בלוט
פאַר אַ קרבן נאָט געבראַכט—
האָט אין מעקלער איצט ערוואַכט,
און ווי יינע יידעס היל ער,
ביי צוראַבעוועטע קראָמען,
מאָרגען היילינען נאָט'ס נאָמען,
מיט אַ „קריאת־שמע" אַ שטילער?

## XLV

ד'איז אַרויס. און פאַר'ן געהן
איז ער איין מינוט געשטאַנען
און געשמייכעלט. כ'תיים, איך מיין—
כ'האָב זיין שמייכעל גוט פערשטאַנען:
„זיין וועט דאָס, וואָס ס'איז בעשערט".
נאָכדעם האָב איך לאַנג געשוויגען,
ביז כ'האָב בערטאַ'ס קול דערהערט:
„מיטה נעהט שוין אויף די שטיגען"

## XLVI

באַלד בעווייזט זיך אויף דער שוועל
בערטאַ'ס ברודער. שטיל און שנעל
לענט ער עפּיס אָן אַ זייט.
— וואָס בעהאַלסטו דאָרט, מאָיסיי?
פרעגט איהם בערטאַ. ער ערקלערט:
„דאָרטען איז אַ זאַך וואָס שפּייט—
„כ'האָב געקראָגען גאַנצע צוויי;
„עפּיס האָט עס דאָך אַ ווערטה".

## XLVII

וואָס מאָיסיי האָט אַליין געוואוסט
און דערצעהלט אין אָווענד יענעם—
האָב איך שרייבען נישט קיין העזה
און מיר פעהלט דערצו די לוסט.
רוה זיך אָב אַצונד, מיין מוזע!
העסט נאָך' דאַרפען נעהן אין ניהנום,
וואָס מען רופט ביי יודען לעבען—
גלאַז דערווייל. דיר אָברוה געבען.



# פיערטעס קאַפּיטעל.

## I

לייכט איז אָנהויבען אַ זאַך:
טרוים און האָפנונג העלפען צו;
נאָר נאָך גרינגער איז אַ סך,
ווען, זיך איילענדיג נאָך רוה,
ווערט דער סוף צום ווערק געפּלאַנט;
שווער פון גרייזען איז זיך היטען,
ווען די אַרבייט האַלט אין מיטען
און דאָס ציעל, איז אונבעקאַנט.

## II

מיט אַ שמייכעל קוקט דער ווידע,
ווי דאָס יונגעל איז פערשייט:
יונג און אַלט פערברייננגען ביידע
לייכט און אָהן אַ זאָרג די צייט.
נאָר דער מאַן—ער ווייסט פין זאָרגען
הענען היינט און פאַר'ן מאָרגען;
ווער אין מיטען לעבען שטעהט,
איז זיך מיהען שטענדיג גרייט.

## III

ליעבען איז צום אָנהויב לייכט:
ס'הערט דעם מענשענ'ס הארץ בערייכט;
ס'ווייזט זיך אוים: אָהן האַס און פּיין
וועט דער וועג פון ליעבע זיין.
נאָך דעם ערשטען קוש דעם הייסען
קושט מען קעלטער שוין דעם צווייטען;
און דער דריטער... אַלע ווייסען
פון דער ליעבעס שווערע קייטען.

IV

לײַכט איז קלױבן שענע גראַמען
צו אַ לירישן ראָמאַן,
נאָר אױף העפֿטען שטאָף צוזאַמען
טוז מען האָבן שױן אַ פּלאַן.
מײַן ראָמאַן איז שױן געשריבן
און ער האַלט בײַם נעהן פֿערלאָרען:
װאָס ר׳איז ליריש-װײך געבליבן —
איז זײַן אײנציגער חסרון.

V

אַ ראָמאַן איז אָהן אַ העלד
װי אַ לאַנדשאַפֿט אָהן אַ פֿעלד,
װי אַ יונגע פֿרױ אָהן הן,
װי אָהן טרעהרען אַ געװײן,
װי אָהן זון די פֿריהלינגס-צײַט,
װי אָהן פֿעהלער — יונגע-לײַט,
װי אַ מײדעל, װאָס געהערט
נישט דעם מאַן, װאָס זי בעגעהרט.

VI

אַלױאָ, מוז איך נישט געזױמט
צום ראָמאַן אַ העלד בעשאַפֿען.
זאָל איצט יחוס-לײַט און גראַפֿען,
רײַכע מאָהלצײַטען און טעניץ,
מיט שאַמפּאַניער, װאָס שױמט,
און פֿערליעבעניש. אָהן סוף —
זײַן צום זינגען מיר דער שטאָף?
אָדער... קרעמעױ-קאָנקורענץ?...



VII

פֿעסט, נאָר אײנזאַם אָהן אַ שיעור
איז דער העלד, װאָס כ׳פֿאַנטאַזיר:
אָהן אַ װירקליכקײט אין הײַנט,
אָהן אַ חלום פֿאַר׳ן מאָרגען,
װעט ער זוכען בײַ די פֿײַנד
פֿרײד און לעבענס-לוסט זיך באָרגען;
נאָר זײַן װאַנדער-װעג בעגלײטען
װעט װי שפּאָט דער קלאַנג פֿון קײטען.

VIII

אין זײַן בלוט דאָס קאַלטע פֿײַער —
װעט קײן זאַך נישט זײַן איהם טײַער,
װעט ער האָבן אַלץ געװאוסט,
נאָר אָהן גלױבען און אָהן לוסט;
מיט זײַן שמײכעל װעט ער נערן
פֿרעמדע אָבגעטער צושטערען;
בלײַבען װעט ער דאָך אַלײן,
עלענד, אײנזאַם װי אַ שטײן.

IX

אַלטקײט-קנײטשען אױף זײַן שטערען
קעלט פֿון אַלטקײט אין זײַן בלוט,
װעט זײַן האַרץ צו אַלץ געהערען
אָהן אַ בענקשאַפֿט און אָהן מוטה.
שװאַך און שרעקענד װי אַן אַלטער,
פֿאַלש און אײלענד װי אַ קינד,
װעט זײַן קלוגער גײַסט — אַ קאַלטער
זײַען קרעפֿטען אױפֿ׳ן װינד.

X

אין זיין מויל א גרוס א גרייטער
פאַר יעטוועדער פאָלק און קאַנט,
וועט ער אויף דער וועלט די בריטער
בלייבן פרעמד און זיין בעקאַנט.
פון דער מאַמע-ערד דער גוטער
וועט ער האָבן אויסגעלאַכט,
ווי א יתום קוקט פערטראַכט
אויף דער צאַרטקייט פון א מוטער.

XI

אויף די ליפּען זיינע שוועבען
וועט א שטענדיגער געלעכטער,
נאָר א צער-געפיהל צום לעבען
און א עקעל-שפּאָט א שלעכטער
וועלען זיין אין זיינע בליקען;
פון דער גאַנצער וועלט די גליקען
וועלען איהם אויף איין מינוט
נישט דערוואַרימען דאָס בלוט.

XII

צו עס ווערט א קינד ערצויגען
אָהן דער ווייכקייט פון א מאַמען,
וועסטו זעהן אין זיינע אויגען
איינזאַמקייט מיט האַס צוזאַמען.
איז נישט ערגער דעם, וואָס האָט
פאַר זיך זעלבסט נור גיפט און שפּאָט,
און ער ווייסט נאָך נישט, וואָס הייסט
די נאַטור זאָל געבען טרייסט?



XIII

קיינמאָל וועט קיין רוה נישט וויסען
מיט דער ערד ווער ס'האָט צעריסען;
ווייין און ווייבער און געזאַנגען
נעהמען דיך אַמאָל געפאַנגען,
ס'שכור'ט-איין דיך דאָס פערגניגען,
גוט איז ליעבען, זיס איז זיעגען,
די נאַטור נור פאַר'ן מיעדען
עפענט-אויף א קוואַל פון פריעדען.

XIV

האָסט געזעהן א מאָל פאַר-נאַכט
זיצט א מוטער פאַר'ן הויז
מיט איהר קינד; די מוטער לאַכט,
שווייגט און גיט נור אַכטונג בלויז,
ווי עס שפּיעלט אין זאַמד דאָס קינד,
ווי עס שפּרינגט און לויפט געשווינד:
פריי און זיכער אז עס איז
טראַכט דאָס יונגעלע געוויס.

XV

איהר וועט איצט ביי מיר נישט פועל'ן
כ'וואָלט דעם משל אייך ערקלערען:
כ'זאָל דעם משל אייך ערקלערען:
מוז איך אָנהייבען דערצעהלען,
האָטש איך טראַכט נאָך אליין פאַר זיך,
וואו מען נעהמט א העלד אויף גיך;
מיין ראָמאַן מוז—וויל איך אייל—
בלייבען אָהן א העלד דערווייל.

## XVI

אלזא, ווייטער — ווי מיט שרעק
איז דער ערשטער מאַי אַוועק,
גאַכדעם נאָך אַ טאָג און צוויי,
האָבען אָנגעהויבען קומען
די אנטלאָפענע צוריק;
מיט אַ טרויערינען-שטומען
און אַ שעמעוודיגען בליק
האָבען מיר בעגעגענט זיי.

## XVII

צלמע לייד ווערט ניך פערגעסען,
אין דעם שענעם מאָנאַט מאַי,
ס'וועט דיר זיפצען ניך דערעסען,
ווען די וועלט איז ליכטיג-ניי;
זומער-צייט אויף גראָז געהם ש'ט
מיטט און שטויב — אומזיסט, עס בליהט;
ס'רייסט אַרוים זיך אומגעריכט
און געפינט אַ וועג צום ליכט.

## XVIII

ליכט און האָפנונג — צוויי געשענקען
ברייננט דער פריהלינג, און מיר היבען
גלייך מיט צלעמען אָן בענקען,
גלייך מיט אלעמען אָן ~~בענקען~~,
אונזער מעקלער'ם הויזנעווינד
האָט בערוהיגט זיך געשווינד;
טאָג און טעגליך קלינגען ווידער
ליזא'ס לאַכען, בערטא'ס ליעדער,



## XIX

ניעווער בערגעדיגע נאַסען
האָט אים פון ליכט פערפלייצט;
וואו עס שמעקט מיט בעז מיט נאַסען,
וואו אַקאַציע-ריח רייצט;
קאַרשען-בוימער און קאַשטאַנען
שיטען אָב די ווייסע קווייטען, —
פאַר דעם פאָלק, וואָס זיפצט אין קייטען,
זענען ליכט-טעג פאָרט פאַרהאַנען.

## XX

וואַרים-ליכטיג איז אין דרויסען
אין דערפריה. דער מעקלער שטעהט
מיט'ן שטעקעלע אין האַנד,
אָנגעטהון, אויף געהן שוין גרייט.
זיינע טעכטער זאַלבענאַנד
רוימען אויף דעם זאַל דעם גרויסען;
מיט אַ שמייכעל ליעבליך-צאַרט
קוקט דער פאָטער צו אַ וואַרט.

## XXI

פלוצלונג זאָגט ער: ס'איז אַ טאָג:
געלד אַ סך ווען איך פערמאָג,
וואָלט איך היינט אַיין זאַך געטהון —
כ'וואָלט געזעסען אויף דער זון. —
און, אַרויסגעזאָגט די ווערטער,
ניט ער מיט דער האַנד אַ מאַך,
ס'הייסט: וואָס שטעה איך? כ'דאַרף אין ערטער
זיין ביז מיטאָג נאָך אַ סך.

## XXII

ס'נעהט אין נאס אוועק דער אלטער
און מיר, יוננע, בלייבען איבער.
פריהלינגס-צייט איין טאג א קאלטער
מאכט דעם צווייטען, ליכט-טאג, ליעבער;
נאך א נאהענטער געפאהר
איז דאס הארץ מקבל שכר:
שענער זעהט זיך אויס די וועלט
און אלץ ציהט און אלץ געפעלט.

## XXIII

בערטא, ליזא און איך אויך
לוסטיג מאכען מיר געברויך
פון די פריהלינגס-טעג: מיר שטיפען
אויף װלאדימיר-בארג, מיר שיפען
אויפ'ן דניעפר זיך אין דרייען,
(חאטש פון שקצים זיך'לעדרייען
קומט אונז אויס נישט איינמאל הערען —
ווערטער קאנען שטארק נישט שטערען).

## XXIV

און די נעכט! אין מיין זכרון
שטעהט א בילד אויף, ווי מיר פאהרען
(ס'הייסט: מיר מאכען א שפאציר)
אויפ'ן דניעפר איך מיט איהר.
נאכט. דער קליינער דאמפפער פאהרט
לאנגזאם שווער, די רעדער שפריצען,
ס'שוימט דאס וואסער זיך, מיר זיצען
און מיר ריידען נישט קיין ווארט.



## XXV

נאכט און וואסער. ערגיץ ווייט,
אויפ'ן דניעפער'ס צווייטער זייט,
ברענען ליכטער אין דער הויך;
אלץ ארום אונז ווקעלט-איין
בלאס און צארט לבנה-שיין;
ס'שטיל און גוט. נאר מיט א רעגען
וואסער-בליצעלעך און רויך
קומט א דאמפפער אונז אנטקעגען.

## XXVI

האלב אין ליכט און האלב אין שווארצען
זעהט דער טייך אויס ווי צושפאלטען.
ס'ווידער שטיל; א דריק צום הארצען
און א קוש אמאל בעהאלטען —
און מיר זיצען ואלבענאנד
ווידער שטיל און האנד אין האנד.
אח, ווי היימליך ס'רוישט דאס וואסער
ביי דער לבנה-שיין דער בלאסער!

## XXVII

פאסען נאלר און פאסען שטאהל
שפיעלען אויפ'ן טייך אהן צאהל;
היימליך קלאפט דאס דאמפפער-ראד.
אין דער שעה פון ליעבע-גנאד;
יעדעס פייעריל פון ווייטען
רעדט צום הארצען, גריסט און ציהט...
אח, א קינד פון אלטע צייטען
בין איך מיט מיין גרויס געמיט.

## XXVIII

װען מיר שענקט אַ פרוי איהר הן,
ציהט מיך נישט צו רוה אַליין;
ביי דעם אָבגלאַנץ פון די שטערען
טרוים איך בויען און צושטערען,
פ'נלעט דער מיידעל'ס האַנד און טראַכט,
װי ס'איז זים דער קהאַל פון מאַכט;
זאָל די פרוי מיר זיין אַ לוין
און איין שטיין נור אין מיין קרוין.

## XXIX

פ'שטעה ביים שיף-ראַנד אַנגעשמאַרט.
װי די זילבער-נאַכט איז צאַרט;
פון אַקעגענדיגע סעדער
ציהט מיט פרישען בעז און בלומען,
ס'איז שוין נאָהענט באַלד. די ליכטער
װערען אויפ'ן ברעג געדיכטער,
ס'קלאַפען לאַנגזאַמער די רעדער—
ס'איז דאָס שיפעל אָנגעקומען.

## XXX

װידער ליכטיגקייט און יענער
קיװער הן, װאָס מאַכט דאָרט שענער
יעדע אויסגעקריימטע נאָס;
הינטער אונז — אַ שװאַרצער פּאָס
בלייבט דער טייך, װאָס װיעגט זיך קיים
אין אַ לייכטען גלאַנץ פון שוים;
ס'איז שוין שפעט. אין נאָס אין שטיל,
צערטלין-אומעטיג און קיהל.



## XXXI

בערטאַ אײַלט מיט גיכע טריט.
אַז מיר קומען צו איהר הויז,
שװיינט זי שטיל און דריקט מיר בלויז
לאַנג די האַנד. איך װייס, זי ציהט
מיט'ן גאַנצען יונגען לייב
איצט צו מיר.—„געליעבטער, בלייב;
דיינע בין איך—אייל מיך נעהמען"—
זאָגען ציטערדיגע ברעמען...

## XXXII

און מיר בלייבען זיצען לאַנג
אין דער נאַכט, קיין קוש, קיין גלעט;
שװייגען איז אַמאָל געזאַנג
און איין האַרץ צום צװייטען רעדט,
װען אַ קוש פון דיין בעשערטער
איז מעהר קאַלט פון קאַלטע װערטער.
קושען איז די ליעבע-שפּראַך—
זאָגען װערטער דען אַ סך?

## XXXIII

ס'לויטען שעה'ן. װאונדער-זיס
איז, לויט איינענעם קאפּריז,
מיט אַ מיידעל'ס האַרץ זיך שפּיעלען,
רייצען יונגעם בלוט און קיהלען,
שמייכלען מיט אַ בליק אַ צאַרטען
פאַר דעם ליעבע-קװאַל דעם זיסען,
חן און ליעבליכקייט געניסען
און מיט מענער-גוטסקייט װאַרטען.

## XXXIV

כ'וואַרט. אין ליעבע-שמערץ פערגעהן
זאָל מיין האַרץ—איך קוש נישט פריה'ר;
זאָל זיך עפענען אַליין
דער פערגנינגען-קוואַל פאַר מיר—
כ'זאָג צו איהר: עס נעהמט שוין טאָגען,
מאָרגען וועט מען מ:סר זאָגען—
„געה, געליעבטער, ס'איז שוין שפעט"..
נאָר איהר קול איז אַ געבעט.

## XXXV

— נוטע נאַכט דיר!—„געה געזונד!"
נאָר זיך שיידען איז זיך שווער;
ס'ברענט איהר קוש אַצינד מיך מעהר
און איהר בליק איז אָהן אַ גרונד.
שווייגענד שטעהען מיר, און ס'דאַכט:
באַלד וועט עמיצער פון ביידען,
אין דער שטילקייט פון דער נאַכט,
היילינען די שעה פון שיידען:

## XXXVI

מיט אַ ליעבע-וואָרט, וואָס קיינער
האָט געמיין עס נישט געמאַכט,
וואָס זאָל בלייבען ווי אַ שעגער
יונגענד-טרוים אויף אַלע טעג
פון דעם גראָהען לעבענס-וועג;
נאָר מיר שטעהען שטום פערטראַכט,
און אַנ'אומעט צאַרט און גרינג
שוועבט אויף אונז.—און פלוצלונג—קלינג:



## XXXVII

איינמאָל, נאָכאַמאָל... דערשראָקען
איילט דעם פאָטער בערטאַ וועקען;
ער'האָט זיך ווי עס איז פערדעקען
ס'לויפט דער מעקלער אָן אין זאָקען
צייט געהאַט) און ביי דער טהיר
גיט ער שטום אַ קוק אויף מיר,
ס'הייסט: מען האָט דיך דאָ געהאַפט—
שטאַרקער ווערט אָן טהיר געקלאַפט.

## XXXVIII

ס'קלאַפט דעם אַלטען צאָהן אָן צאָהן...
בערטאַ קוקט טיט שרעק מיך אָן,
נאָר די מוטער קומט צולויפען
און זי הייסט מיר אין אַ הויפען
האָלץ און שמאַטעס זיך בעהאַלטען;
אין אַ שפייכלער אין אַ קאַלטען
לאָזט מען איבער מיך; איך וואַרף
אויף זיך מיסט אָן, ווי מען דאַרף.

## XXXIX

צווישען טעם און שטיקלעך ברעטער
טאַפ איך אָן אין מיסט אַ שטיין;
כ'לעג צוקאָפענס איהם. איך הער
אַ גערויש, ווי טריט, און מיין,
אַז מען געהט צו מיר אַהער.
ס'ווידער שטיל. אַביסעל שפעטער
זעה איך ליכטיגקייט אַ פנים
און איך הער אַ קול אַ בּאַס:

## XL

„ליענט א יודעל נישט אמאל
אין א פאס דא, צי אין מיטט?
חא-הא-חא...” מיך איבערט—מריט;
נאר דער מוטער'ס וויכער קול
ענטפערט אב: „אח, נאט, בעהיט;
זאלען קאנט איהר—ס'איז אומזיסט;
דעם, וואס טאר אין קיעוו נישט זיין,
לאז איך קיינמאל נישט אריין”...

## XLI

דער „מונדיר” טראגט איין מינוט—
וי פערגליווערט ווערט מיין בלוט.
דורך א שפאלט בעמערק איך קלאר
(ס'שטעהט די הויז-טהיר אלץ נאך אפען)
ליוז'ן מיט צולאזטע האהר,
צארט און הנ'עודינג פערשלאפען.
בערטא!—הער איך ווי עס שרייט
אויף איהר איינער פון די „לייט”.

## XLII

ס'איז אוועק שוין דער „מונדיר”
און די טהיר האט זיך געשלאסען—
נאר איך גיב זיך נישט קיין ריהר,
כ'ליעג אלץ ווייטער, נאך און נאך.
ס'הייסט: אין שווערען לעבענס-יאך
האט מען איצט מיך איינגעשפאנט
און מיט גלות-קוים בעגאסען—
וועה, מיין הארץ, מיט אלץ בעקאנט.

עס ווערט געבעטען ביי'ם לעזען נעהמען אין אכט פאלגענדע פערבעסערונגען, עס דארף שטעהן:

זייטע 8 שורה 4 (פון אונטען)
נאר וואה איז דאס, וואס וויצט פערשטערט.
זייטע 49 שורה 6 (פון אונטען)
ווען די וועהסט: דיין פיינד רעגירט.
זייטע 60 שורות 6 און 5 (פון אונטען)
גלייך מיט אלעמען און בעניקען,
גלעך מיט אלעמען און גלויבען.